אלעקסאנדער בלאָק



אידיש
פון אַלטער קאַציזנע

וועגן די „צוועלף“
שאַבגע קאַראַלסקי

אלעקסאנדער בלאק.

„צוועלף"

אידיש פון: אלטער קאציזנע.

אָפּהאַנדלונג פון: שאכנע קאראלסקי.

— ו א ר ש ע 1920, —

דרוקעריי: ד. כץ און א. צימער, װאַרשע, נאַלעװקי 47.

„DWUNASTU ICH"

poemat ALEKSANDRA BLOKA

wolny przekład A. KACYZNE

genezę napisał SZ. KAROLSKI.

Warszawa 1920.

Drukarnia: Kac i Cymer. Warszawa, Nalewki 47.

ישאַכנע קאַראָלסקי.

וועגן די „צוועלף“

מיר באַנוצן זיך מיט דער אידישער טראַנסקריפּציע פאַר העברעאישע ווערטער.

די אָפּהאַנדלונג איז געשריבן לויט דער אָרטאָגראַפיע פון דער פּוילישער פאָנעטיק.

די „צוועלף“ — לויט דער ליטווישער.

...„ס'איז געשעין דאַן, ווען די נידריגסטע אינסטינקטן פון האַמוין האָבן זיך צושפּילט, ווען דער כאַאָס האָט זיך באַזעצט אַפן טראָן און געפּאַיערט זאַין ברוטאַלן יאָם-טאָיוו, ווען אַלץ וואָס האָט נאָר געהאַט דעם מינדסטן שאַיכעס צו קולטור און ציוויליזאַציע האָט זיך אָפּגעקערט מיט עיקיל פון דער ווילדער סטיכיע ווי פון אַ באַיזן קאָשמאַר, ווען עלכער מוז פריהער אָדער שפּעטער פאַרשווינדן און אָפּטרעטן דעם אויבן אָן די געזאַלבטע פון גאָט אַלאַין, די אַפּאָסטאָלן פון יושער און גערעכטיגקאַיט, די ליבהאָבער פון אַ רוהיג געמיטליך לעבן, די קויהאַנים פון קונסט און עסטעטיק—זאַי די אַידעלע „דאָס זאַלץ פון דער ערד“.

ס'איז געשעין אין אַ שוואַרצע פינסטערע ווינטער-נאַכט, ווען קאַין „אָרענטעליכער“ מענש איז נישט געווען זיכער מיטן לעבן, ווען פון יעדן ווינקל האָט אָף אים געלאָקערט די מענש-ליכע כאַיע וועלכע האָט נור געשטערט און פאַרניכטעט, גע-לאָזט הינטער זיך כורוועס, געגאָסן מענשליך בלוט ווי וואַ-סער, אין באַשמוצט אַלע האַיליגטומער מיט זינד און שאַנד.

אין יענע פינסטערע, קאַלטע ווינטער-נאַכט איז די וועלט פאַרהילכט געוואָרן פון אַ דונער, פאַרבלענט פון אַ בליץ, ס'איז באַי די „אַידעלע“ אָפּגענומען געוואָרן דאָס לאָשן. ווי אַ פאַיערדיגער זאַיל האָט געלויכטן און געברענט אַלעקסאַנדער בלאָקס „צוועלף“.

האַ, האַ! האַ! איר שטוינט? זעט ווי אַיער פּאָנים איז נע־רינצעלט געוואָרן און געל ווי פּאַרמעט! איר האָט זיך ניִשט גערעכנט אָף אַזאַ קלאַפּ פון דער זאַיט? די אַינציגע טראַיסט איז באַי איך אָפּגענומען געוואָרן אין דער „מאָירעדיג־פינס־טערער נאַכט”? ער? ער? וועלכער האָט פון שטענדיג־אָן אַזוי־קינסטלעריש געטאָקט און געשליפן יעדן פערז און פאַרשאַפט איך אַזאַ נאַכעס־רואַך מיט זאַין עלעגאַנטן סטיל, ער האָט זאַין פּען צובראָכן, און מיט אַין קלאַפּ פון זאַין מעכטיגן אַי־זערנעם האַמער צושמעטערט אַלע אַירע געטער, אַיער צוי־בערנדע וועלט פאַרגליכן צו אַ... קרעציגן הינט, וועלכער גוי־סעט און וועט שוין קאַין מאָל קאַין טכיאַס האַמאַיסים ניִשט אויפשטעיען.

איר הערט, אַידעלע? קאַינמאָל ניִשט! וואַיל דער פּאָעט האָט צווישן די כורוועס דערהערט דעם ריטם פון די צושטערטע זאַילין, וואַיל ער האָט דערפילט אין דער „ווילדער סטיכיע” די האַרמאָניע פון כאַ־אָס און דערזעיען אין דער „מוירעדיג שטאָק־פינסטערער נאכט” די אויפגעהענדע ליכטי־גע זון...

* * *

די „צוועלף” שטעיען אָפּגעזונדערט פון דער ביז־איצ־טיגער רעוואָלוציאָנערער פּאָעזיע וועלכע איז עפּשער געווען באַרעכטיגט ביזן 25־טען אָקטאָבער 1917 באַזינגענדיג די לאַיד און פּאַין פון די אויסגעניצטע און פאַרשקלאַפּטע. זאַי האָבן אָבער אויך קאַין שום געמאַינזאַמעס ניִשט מיט דער העראָי־שער, אַיזערנער, די אַזוי־גערופענע פּראָלעטאַרישע פּאָעזיע (גאַסטיעוו און אַנד.) וועלכע באַזינגט דעם נאַיעם מענש אַפן פּאָן פון גיגאַנטישע מאַשינען, וואָס באַוועגן זיך ריטמיש און עלאַסטיש, ערפילענדיג געהאָרכזאַם דעם ווילען און וווּנש פון דעם באַוואוסטזיניג־אָרגאַניזירט'ן און גאַיסטיג־באַפּראַיט'ן קלאַס:

די „צוועלף” שטעיען אַפן ראַנד פון צוואַי עפּאָכ'ן: ווען דאָס אַלטע ווערט צושמעטערט און פון דעם נאַיעם זע־יען זיך קוים די קאָנטור'ן, ווען ס'פאָדערט זיך, אַנ'אַדלער־

בליק אום צו דערזעיען די טומאַנען שטויב פון די פאַלענדע זאַיל'ן די שאַפונגס־סימאָנים פון אַ נאַי שענער לעבן.

די „צוועלף" האָבן זיך נור געקענט באַוואַיזן באַי אַ פאָלק וועלכעס געפינט זיך אַפן שאַיד־וועג פון צוואַי וועלטן זאַיענדיג אין געוויסע הינזיכטין דאָס פאָרטגעשריטסטע אַפן מיזראך און דאָס אָפגעשטאַנענסטע אָפן מאַריוו בילדענדיג מיט זיך דעם סינטעז פון די באַידע עקסטרעמען.

געהאימניספאָל און נישט־פאַרשטענדליך ווי אַ ספינקס זאַיענען די פעטקעס און אַנדריוכעס, אַפילע פאַרן רעוואָלוציאָנערן מאַריוו, ווען זאַי נעמען זיך שטירצען נישט אָף קאַין קאַטאָוועס די ערד און די הימלען. ס'גרילצט נאָך דער קלאַנג פון די אַראָפגעוואָרפענע קאַיטען און האַינט:

פראַי, פראַי אָן אַ קראַיץ!

און דאָך:

גאָט וועט העלפן מין האַסטאַם...

יאָ! גאָט וועט העלפין, דער גאָט פון סטיענקאַ ראַזין...

* *
*

דערמיט הערן אָבער די „צוועלף" נישט אָף צו זאַין גרויס. גרויס ווי די הערָאָאישע העלדענטאַטן פון די צוועלף מאָל צוועלף מיליאָן אין פאַרלויף פון די צוואַי גרויסע יאָר.

דער פאָעט אידעאַליזירט נישט די „צוועלף" און זינגט זאַי נישט לויטן אַלטן סקאַרבאָוון ניסאָך קאַין לויבלידער. ער וואַיסט אַז צווישן זאַי און דעם צוקונפטס־מענש, וועלכער וועט קומען נאָך זאַי און ווען זאַי מאַכן אַ וועג מיט זאַירע אַיגענע קערפערס ליגט אַ טהוים. ער נעמט זאַי אַזוי ווי זאַי זענען: דער פרימיטיווער נישט באַאַרבאַיטער אָבער אַלבאַסטער ראַינער סובסטאַנץ פון וועלכען ס'וועט אויסגעקנאָטן ווערן דער צוקונפטס־מענש פאַר וועלכן די אַרבעט וועט זאַין אַ געניוס און נישט קאַין קלאָלע, וועלכע הענגט איבער אים האַינט, זויגט דעם מאַרך פון די באַינער, עסט אויס דעם פאַרב פון פאָנים, פאַרלעשט דאָס פאַיער אין די אויגן און ברענגט מיט זיך אין די שלאָפלאָזע פינסטערע נעכט, נאָך פינסטערערע מאַכשאָוועס....

דער צוואַיטער און דריטער דאָר וועט מיט שטוינונג קוקען אף די, וועלכע זאַינען געווען די פּיאָנערן פון זאַיער האַרמאָנישער גליקליכער געגענוואַרט. פּיאָנערן, וועלכע האָבן נאָך אַלאַין געזינקען איבערן האַלז אין בירגערליכן זומפּ. פּיאָנערן, וועלכע רויבן און פּאָגראָמירן.

דורך די הונדערטער יאָרן פון לאַידן און שוואיגן, שאַנד און שפּאָט האָט זיך אָנגעזאַמעלט אַזוי פיל אויפראַיס־מאַטעריאַל באַ די וואָס „זאַינען נעכטען געווען גאָרנישט אין האַינט, געוואָרן אַלץ" אַז ווען דאָס וואָלט נישט פאָרגעקומען, וואָלטן מיר געפילט אַז ס'פעלט אַ שטיק לעבן אין דער גרויסער דראַמע. און זעריבער וואונדערט אונז נישט ווען דער אַלאַרם־גלאָק האָט זיך צעוויגט:

טיר און טויערן פאַרמאַכט!
מען וועט רויבן האַינט באַינאַכט!
פון די קעלערן אַרויס!
וואויל אין הויל האָט זיך צעברויזט!

און... טראָץ דעם אַלעם זענען זאַי גרעסער און ליכטיגער ווי די „צוועלף" פון פאַר צוואַי טויזענט יאָר צוריק. וואַיל יענע „צוועלף" האָבן געזעען זאַיער געקראַיצטן גאָט, געליטן מיט אים און פאַרשפּראַיט זאַינע עמעסן און די האַינטיגע צוועלף מאָל צוועלף מיליאָן זאַינען אַלאַין געקראַיצט און ברענגען זיך אַלס קאָרבן פאַר דער גאַנצער מענשהאַיט! יענע צוועלף האָבן נור געקוקט אויף די לאַידן פון זאַיער גאָט און געוואַרט אויף זאַינע ניסים. און די האַינטיגע זענען אַלאַין די געטער און מיט זאַיער אַיגין בלוט און פלאַיש קנעטין זאַי זיך אויס זאַיער איגין מאַזל.

אַף זאַי איז געפאַלן דער גורל אויסצוטרינקען דעם ביטערן קאָס ביזן גרונד און זאַי טרינקען אים אויס ווי סאָקראַטעס מיט אַ סטאָאישער גרויסמוט. דער נאַיער עמעס וועלכער שאַילט זיך אַרויס פון די בערג מיט קאָרבאָנוס און יאַמעם בלוט איז אַזוי טראַגיש גרויס, אַז די פּראָפּאַגאַנציע פון וועלכע מען זעיט שוין דעם אַלטן עמעס נישט אַרויס וועט לאַנג, לאַנג אָף אים קאַין שליטע נישט האָבן.

* * *

דער טראַגישער מאָמענט פון די „צוועלף“ באַשטעט אין דעם וואָס דער פּאָעט אַלאַין האָט נאָך נעכטין געצויגן זאַין גאַיסטיגע יעניקע פון בירגערליכן געמויזעכץ, און האָט ער געפּראוּוט אַמאָל פליען—דען דער זומפּ האָט געשטיקט—איז ער אַראַינגעפאַלן אין פאַרקישעפטן ראָד פון מיסטיק, סימבאָ־ליזם און דעקאַדענץ. און אָט האָט ער צונויפגעקליבן די לעצ־טע קויכעס, פאַנאַנדערגעשפּראַיט זאַינע אָדלער־פליגעל וועלכע די רעוואָלוציע האָט אויפגעפּענטעט, געלאָזט זיך גלאַיך צו דער זון און פון דער הויך געוואָרפן אַ פאיערדיגע קלאָלע דעם פאַר־שאָלטענעם נעכטין און... אויף זיך אַלאַין.

יאָ, אויף זיך אַלאַין! וואַיל ווער וואַיסט צו דאָס איז נישט געווען אַ סטאָישע ווידע פון אַ ערליכע און טיפע נעשאָמע, וועלכע האָט געמוזט אויפן שוועל פון קאַיווער אויסשראַיען ווי יענער מיטעלאַלטערליכער מערטירער „און דאָך דרעט זי זיך“.

שוין באַלד צוואַי יאָר פאָריבער זאַיט בלאָק האָט אָנגע־שריבען די „צוועלף“ און די „סקיפן“[1]) און... איז אַנטשוויגין. די וועלכע ער האָט באַזינגען און די וועלכע ער האָט גע־שאָלטין, וואַרטין שוין צוואַי יאָר מיט אַן אַינגעהאַלטענעם אָטעם טאָמער וועט ער דאָך עפּעס זאָגן.

בלאָק שוואַיגט ווי נאָך אַ ווידע...

אויף אַיביג?

ווער וואַיסט?

ווער איז אימשטאַנד אראַינצודרינגען אין די טיפענישן פון אַזאַ טראַגישער נעשאָמע. וואַרפן מיר אָבער אַ בליק אָף דעם באַיסענדין סאַרקאַזם און האַיליגן צאָרן באַים מאָלן די העלרין פון נעכטין. קומט מען נישט־ווילענדיג צום טרויעריגן שלוס אַז דאָס איז געווען אַ ווידע, אַז דער פּאָעט האָט אין זאַין גרויסן קאַס זאַין גאַל אויסגעשפּיגן...

* * *

און פיר קורצע פערזן, וועלכע שטעכן אָבער ווי שפּיזן

[1]) די סקיפן וועלן מיר באַזונדער ארויסגעבן מיט א ספּעציעלע אָפּ האַנדלונג

פערטיגט ער זיך אָפּ מיט דער טעמפּער, קלאַין־מויכיגער און שמאָלהאַרציגער אינטעליגענץ (און עפשאָר אויך מיט זיך?)
מיט אַין שטריך פון זאַין עקספּרעסיאָניסטישן פּענזיל מאָלט ער פאַר אַיך אויס די גראָשעדיגע האַסאָגעס און גאַיס־טיגע אָרימקאַיט פון דער קלאַינבירגערליכער „קוואָקע".
מיט אַין שמאַיס פון זאַין שטראָפיגער באַיטש אַנטלויפט פאַר אים ווי אַ פאַכדין גאָטס שעליאַך מיט די לאַנגע פאָלעס.
און אויב דער יונקער איז דערוואַיל אַוועק:
ניט האַינט וועט מאָרגען זאַין, זאַין עק...
אָט די גאַנצע פלעיאַדע „טויטע מאַיסעם", די העלדין פון נעכטין לאָזט דער פּאָעט אַינמאָל פאַר אַלעמאָל אַרופ אין קאַיווער, און אָנשטאָט אַ מאַצאַיווע שטעלט ער נעבן זאַי אַוועק דעם סימוואָל פון דער נעכטיגער עקעלדיגער ווירקליכקאַיט, פון דער אָפּשטאַרבענדער בירגערליכער וועלט—אַ גוססן קרע־ציגן הונט.

* *
*

ווי גרויס, ווי שטאַרק זענען „די צוועלף מערטירער צוועלף רעגירער" אַנטקעגן דער גאַלעריע „טויטע מאַיסים", גרויס טראָץ דער טרויעריגער יערישע וועלכע זאַי האָבן אין זיך איינגע־עטימט יאָרן לאַנג—דעם בירגערליכן סאַם. דאָך איז די פאָלקס־נעשאָמע געבליבן גאַנץ אין אַלבאַסטער־ראַין.
ניט קאַין ביליגער אַפעקט זענען די צוואַי לעצטע שי־רעס מיט וועלכע בלאָק פאַרענדיגט זאַין פּאָעמע:
מיט אַ רויזן־קראַנץ באַצירט
האָט כריסטאָס די צוועלף געפירט.
איר פילט אַז אָף זאַי ריט די שכינע.
אַז זאַי זענען באַרופן צו גרויסע, גרויסע טאַטן.
ניט געקאָרגט האָבן די געטער דעם „הויל און וואויל" זאַירע שענסטע מאַטאָנעס. פון הערקולעסן האָבן זאַי געגומען זאַין פעלזן־שטאַרקאַיט און פּראָמעטעאָסן האָבן זאַי איבערגע־שטיגן אין זאַיער גרענצלאָזער דראַיסטקאַיט. אַזאַ אָמבאַגרענצטע אָפּפערוויליגקאַיט וועט איר ניט געפונען באַי די רע־

וואָלוציאָנערסטע שיכטן פון קאַין שום פאָלק ווען:

סלאָזט זיך דאָס די כעוורע
דינעז טראַי דער רויטער פאָן,
דינען טראַי דער רויטער פאָן,
ס'לעבן אינשטעלן אין קאָן!

מיט טויזענט זונען מעגט איר זיכן אין בירגערליכן זומפּ אַזאַ גאַנצקאַיט באַים האַסן און ליבן און איר ועט דער־פון קאַין רעימעז נישט געפינען. ווי שרעקליך און גרויזאַם איז פּעטקאַ אין זאַין צאָרן און נעקאָמע, און ווי נאַיוו־מילד באַי זאַין טרויער און ליבע. שטענדיג איז ער גאַנץ, אַפילע ווען דער ביר־גערליכער סאָם ציגט אין אים אָן אין אַ מינוט פון פּאַרצוואָיפלונג אַ אַ פּאַיערל אין די אויגן און אין האַרץ... פרעמד און אונפּאַר־שטענדליך איז פאַר אים די „אינטעליגענטישע" נעוואַסטעניע און קלאַינבירגערליכע וואַקלעניש.

ווי גרויס און שטאַרק איז פּעטקאַ אַלס מענש אַלס קעמ־פּער, ווען נאָכדעם ווי ער „טויט זאַין גליק" און ס'האַרץ צאַ־פּעלט נאָך פון וועיטאָג און צאַר דאָך מאַכט אים די טראַגעדיע נאָך גאַנצער און שטאַרקער ווי פריער וואַיל:

נישט קאַין צאַיט אַצינד צו קלאָגן
און צו צאַצקען זיך מיט זיך.
עפּעס שווערער איז צו טראָגן
אונזער אַלגעמאַינע פליכט.

און וואָלט די טראַגעדיע געטראָפן מיט אַן „אַידעלן" וואָלט ער צוטרעטין געוואָרן ווי אַ וואָרם וואַיל מיט קאַטקען וואָלט זיך געענדיגט זאַין אידעאַל, זאַין וועלט־אַנשויאונג זאַין וועלט.

נור מאַינט נישט אַז די טראַגעדיע איז פאַר פּעטקען אַ קאַי און שפּאַי. די מיליאָנען בעאַוולעטע און באַרויבטע שראַיען דורך פּעטקעס מויל:

פלי בורזשוי אין אַינעם ציטערניש!
כ'וועל מיך נויקעם זאַין,
פאַר דער ליעבסטע מאַין,
פאַר איר טויט און פאַר מאַין ביטערניש!

דִי פּעטקעס ראַיסן נִישט קאַין קרִיע, באַשִיטן נִישט זאַיער
קאָפּ מִיט אַש, נוּר ווערן נאָך שטאַרקער אִין זאַיער האַי=
לִיגן צאָרן, זִיכערער אִין זאַיער ענטגִילטִיגן נִיצאָחן.

אִין דעם באַשטאַיט זאַיער גרוֹיסקאַיט און אוּנשטערבלִיכקאַיט.

זאַי געהערט דער מאָרגן! און וועט זִיך דִי „טוֹיטע מאַיסִים“ נאָך
ווען ס׳אִיז אַיִנגעבן אַרוֹיסצובאַקוּמען פוּן דִי קוואָרעם און וועלן
פאַרנעמען דעם אוֹיבען=אָן, וועט דאָס קענען געשעען נאָר דאַן,
ווען זאַי וועלן אִימשטאַנד זאַין באַ דִי צוועלף מאָל צוועלף מִיל=
יאָן אַרוֹיסשנאַידן דִי הערצער און אַרוֹיספּאָכן דִי גרוֹיסע האַי=
לִיגע נעשאָמעס.

און דאָס אִיז אַזוֹי מעגלִיך וִוִי האַיסן דעם יאַם בלאַיבן
רוּען אוֹיף אַ רעגע.

דערפאר אִיז דאָס נִישט מער וִוִי „אַ טרוֹים פוּן אַן אָפּ=
געשנִיטענעם קאָפּ“.

* * *

דִי „צוועלף“ באַוואַיזן זִיך דאָס ערשטע מאָל פאַר׳ן אִי=
דִישן פּראָלעטאַרִישן לעזער אִין אַזאַ קִינסטלערִישער אִיבערזע=
צוּנג, דען דִי בִיזאִיצטִיגע אִיבערזעצוּנגען האָבן נאָר פּראָפאַנִירט
און פאַרקרִיפּעלט דעם אִינהאַלט אִין פאָרם פוּן דער פּאָעמאַ. באַי
דִי יעצטִיגע אִיבערזעצוּנג אִיז נִישט נוּר זעלטן אִיבערגעגעבן
דער ספּעצִיפִישער טטִיל און רִיטם פוּן פּאָעט נאָר דאָ שוועבט אַ
שטִיק סוּביעקטִיווע נעשאָמע פוּן אַרעזשִיסאָר אַדענקער
וועלכער האָט בוֹילעטער אַרוֹיפגעפִירט אוֹיף דִי בִינע דִי מאָמענ=
טען וועלכע דער פּאָעט האָט אִין זאַין האַילִיגער שאַפוּנגס=עג=
זאַלטאַציע נִישט פאַרענדִיגט.

דִי „צוועלף“ זענען נִישט „פאַראִידִישט“, זאַי זענען נוּר אַ
דאַנק דער אִינדִיווִידוּעלער באַגאַבטקאַיט פוּן אִיבערזעצער צוּגענג=
לִיך אִין פאַרשטענדלִיך געוואָרן פאַר דִי אִידִישע פּראָלעטאַרִישע
מאסן.

דערפאר וועט אִים דער אִידִישער פּראָלעטאַריאט און
אִיבערהוֹיפּט „דִי אִידִישע פּעטקעס“ זער און זער דאנקבאר זאַין.

אלעקסאנדער בלאָק

„צוועלף"

אידיש-אלטער קאציזנע.

שוואַרצער אָוונט,
וואַיס פאַרשנעיט,
ס׳ווייט און וועיט;
קוים דער געיער פאַלט ניִשט אום.
און דער וויִנט ער איִז פאַרלאָפּן
אַלע שטעגן אום ארום.

דער וויִנט האָט צוקראַיזט
דעם שנעיעלע וואַיסן;
דאַין שריִט איִז ניִשט דראַיסט —
א מוירע צו שפּראַיזן:
דו געיסט אַפן אַיז.

פון דאך צו דאַך,
פון וואַנט צו דער צוועיטער
א פלאַקאַט א ברעיטער:
„דער גריִנדונגס־פאַרזאַמלונג די גאַנצע מאַכט!“

אַן זקעינע צוועינטזיִך, פאַרשטעיט ניִש דעם פשאַט:
צו וואָס אַזאַ גרויסער פלאַקאַט?
אַזאַ שטיִק סכוירע! קאָן טויגן אַף לאַטעס,
מען געיט קרוע — בלוע,
די קיִנדער, וויִ די טאַטעס,
קעין העמד אַף אַ רעיפוע.

יוי א קוואָקע האָט די זקעינע
קוים דעם טיפן שנעי געפעלט.
אָי, מאַמע אין הימל עינע,
די באָלשעוויקעס ברעינגען אום אַ וועלט!

דער ווינט – ער מעינט נישט אַף צו שפּאַסן,
דער פראָסט – ער שטעיט נישט אָפּ;
און דער בורזשוי באַים קרעיץ פון גאַסן
אין קאָלנער טיף די נאָז באַגראָבט.

און ווער איז דער? אַ קאָפּ האָר אַ געדיכטער
און שטיל רעט ער:
פאַררעטער!
רוסלאַנדס קאַבראָנים!
אַ שריפטשטעלער, אַפּאָנים,
אַ דיכטער...

און דער, מיט לאַנגע פּאָלעס,
ווי שנעל ער טראָגטציך אָפּ.
איצט גאָר נישט, וואָס אַמאָל איז,
כאַווער פּאָפּ!

געדענקסטו נאָך די צאַיטן:
געשפּאַרט דעם בויך פאַר לאַיטן
און אַפּן בויך דער צעילאָם
געשאַינט האָט פאַרן עילאָם?...

א ראַיכע דאַמע אין קאַראַקול
זי קוקט דער צוועיטער אין די אויגן:
– „באַוועינט דעם פינסטערן סאַך-האַקל"...

און פלוצלונג מיט דער נאָז געפלויגן
און אַפּן גליטש זיך אויסגעצויגן...

העי, העי!
הויבט זיך פון שנעי!

דער ווינט – ער איז מונטער,
דאָך בּאַיז און נישט זאַט,
די פיס ברעכט ער אונטער,
און בּאַיסט אַיך און ראַיסט אַיך
און פלוצלונג בּאַוואַיזט אַיך
אַ גרויסן פלאַקאַט:
„דער גרינדונגס=פאַרזאַמלונג די גאַנצע מאַכט!"

...און פון ערגעץ די ווערטער געבּראַכט:
– מיר'ן אויך א פאַרזאַמלונג געמאַכט.
...דער זאַל פאַר אַלע אָפן.

...בּאַטראַכט.
...בּאַשלאָסן:
אַ צענערל אַ מאָל, אַ פינפאונצוואַנציקער אַ נאַכט.
קאַינעם נישט בּיליקער אַ גראָשן...
קום שלאָפן...

אָוונט שפּעטער.
די גאַס איז הויל.
געיט אַ שלעפער
אין דראַיען געקנוילט.
דער ווינט הוילט.

– העי, אָרימער,
קום אַהער!
אַ קוש אַ וואַרימער!
– נישט מער?
אַ בּיסן ברויט...
– טראָג דיר דאַין נויט...

דער הימל — פינסטער־שוואַרץ.
קאָס, אומעט און קאָס
איבערפילט דאָס האַרץ.
שוואַרצער קאָס, העיליקער האָס...
. . . .

כאַוועד, ווי דו העיסט!
קוק, ווי דו געיסט!

דער שנעי — ער פליט, דער ווינט שפּאַציִרט
און כעוורע „צוועלף" אין גאַס מאַרשירט.

די שוואַרצע רימענס פון געווער...
און פלעמלאַך פלעמלען הין און הער...

עס גליט א פּאַפּיראָס אין מויל,
דער גאַנצער הילוך וואויל און הויל...

די פראַיהאַיט געיט! א וואַרע מאַך!
זי געיט, נאָר נישט פון קרעיץ געפירט.
טראַך — טאַך!...
עס פרירט, כאַוועריִמלאַך, עס פרירט!...

איוואַן מיט קאַטקען דאָרט אין שעינק,
דאָס געלט אין זאָק, זאָל זי אַ קרעינק!

געוועז אַ אונזעריקער יאַט,
און איצט אַ גוויר און אַ סאָלדאַט.
נו, וואַנקע, הינטיש בלוט, פּרוביר
זי נאָר אַ קוש טאָן, איך וועל דיר...

די פראַיהאַיט געיט, אַ וואַרע מאַך!
עך, עך, זי געיט, נאָר אָן אַ קרעיץ...

און וואַנקען, קאַטקען לאָז געמאַך,
דאָס בלוט ניִשט רעיך!

די שוואַרצע ריִמענס פון געווער...
און פלעמלאַך פלעמלען הין און הער...
רעוואָלוציאָנערע שפאַנען טריִט,
דער פאַינט איז וואַך, דער פאַינט אונז היִט.

העי, כאַווער, ציִל זיך! זאַי ניִשט פויל!
איִן העיליִק רוסלאַנד שיִק דאַין קויל,

איִן דער ברודיִקער,
דער קלאַין־שטוביִקער,
איִן איִר היִנטן־ברעיט...
עך, אָן אַ קרעיץ מען געיט!

אַז עס לאָזט זיך אונזער כעוורע
דינען טראַי דער רויטער פאָן,
דינען טראַי דער רויטער פאָן,
ס'לעבן אַינשטעלן איִן קאָן!

אָך, דו, מאַזל ביִטערער,
לעבן — צוקער־זיִס!
אַ מאַנטעלע אַ שיִטערער,
אַן עסטרייכיִשער ביִקס.

די בורזשויען אַף צושטאַיער,
לאָמיִר אופבלאָזן אַ פאַיער.
זינק אַ וועלט איִן בלוט און פלאַם!
גאָט וועט העלפן מיִן־האַסטאַם.

. . . .

פליִט אַ שליִטן, לאַיכט געשפּאַנט,
איִוואַן מיִט קאַטקען האַנט באַי האַנט,
דער שנעי ער דרעיט, דער שמאַיסער שראַיט,
אַ קלעין לאַמטערל באַי דער זאַיט...
עך, גאַנצע לאַיט!

ער — אַ יאָוון פון יעיוואָניִם
מיִט אַ רונד און נאַריִש פּאָניִם,
דרעיט אַ וואָנצע, האַלטציִך גרויס
און צושמעיכלטציִך
און צוסעיכלטציִך.

אָ, דער וואַנקע, גאָר אַ העלד!
אָ, דער וואַנקע, לעבט אַ וועלט!
האַלט זאַין מעידעל, וויִ אַ גיִבער,
צאַיגט זאַין דיִבער...

זיִ — דאָט קעפּעלע פאַרוואַרפט
און דיִ צעינדלאַך וואַיס און שאַרף,
אַך, דו, קאַטיע, זיִסע מעידעלע,
גראָבע קנעידעלע!

אויף דאַין העלזל, קאַטיע מאַינע,
איִז נאָך פריִש דער מעסער-שניִט;
אויף דאַין ברוסט, אָ, קאַטיע פאַינע,
נאָך דער רויטער צעיכן גליִט.

עך, עך, הויב דיִ פיִס,
מאַך אַ טענצל צוקער זיִס!

האָסט געטראָגן דיינע העמדער
דיִן געהאָפטן אויף דער ברוסט;
און געקויפט האָט יעדער פרעמדער
אָפיִצער דאַין פרעכע לוסט.

עך, עך, טראַיב דאַין לוסט,
עס פאַרגעיט דאָס האַרץ אין ברוסט!

דו געדענקסט דאַין אָפּיצערל? —
וועיסט ער וואָס מיין מעסער קאָן.
האָסט פאַרגעסן, אָ, כאָלערע,
נו, דערמאָן זיך, נו דערמאָן!

עך, עך, שאַרף דאַין מויאַך,
נעם מיך שלאָפּן, נעם מיך אויך.

האָסט געטראָגן געטרעס גרויע,
האָכט געפרעסן שאָקאָלאַד;
יונקערס אינגעטעילט האַנאָיע,
טעיל זי אין איצט אַ סאָלדאַט.

עך, עך, זינדיק מיט,
מאַך מיר פרעילאַך, מיין געמיט!
. . . .

און ווידער פליט אַ שליטן שנעל,
דער שמאַיסער ראַיסט זיך אָן די קעל,
שטעי, שטעי! אַנדריושאַ, העלף מיר צו!
פעטרוכאַ, לויף פון הינטן צו!
טראַך, טאַראַראַך! אַ בלינדע קויל...
געפאַלן ווער אין שנעי-געקנויל...
דער שליטן טראָגט, עס דרעיט אַ מיל...
עי, ווידער ציל, באַנאַי די שפיל!
טראַך, טאַ-ראַ-ראַך! אַ צונד דו וועיסט,
אַ פרעמדע מעידעלע וואָס העיסט...

וואָס איז? נישטאָ? ער איז אַוועק?
נישט האַינט, וועט מאָרגן זיין דאַין עק!
און, קאַטקע וואו? מיט בלוט געיט אָפּ;

די קויל געטראָפן גלײַך אין קאָפּ...
צופרידן, קאַטקע? האָסט פֿאַרדינט.
נו, ליג, פּעיגירע, פֿאַר די הינט!

. . . .

רעוואָלוציאָנער איז אונזער טריט,
דער פּאַינט איז וואַך, דער פֿאַינט אונז היט...

און ווידער אַלע צוועלף אין עינעם,
זעי שפּאַנען פֿאָרזיכטיק, באַזאַכט.
נאָר באַים מערדער באַי דעם עינעם
דאָס פּאָנים פֿינסטער, ווי די נאַכט.

און אַלץ גיכער און אַלץ גיכער
אַיליק ווערסלט ער די טריט,
אויפֿן האַלז פֿאַרדרעיט דאָס טיכל
און פֿאַרציט עס און פֿאַרציט...

כאַווער, וואָס ביסטו נישט מונטער?
האַלסט דאָס קעפּל אויפֿן ברוסט
דאַינע שיפּן זאַינען אונטער?
איז דיר באַנק אויף דאַין פֿאַרלוסט?

אָך, געטראַיע, ליבע ברידער?
כ,האָב געליבט זי אָן אַ שיר
און פֿיל נעכטאַלאַך די מידע
נישט דערשלאָפֿן נעבן איר.

פֿאַר דעם אימפּעט פֿאַר דעם ברעיטן
פֿון איר פֿאַיערדיקן בליק,
פֿאַר דער כעין=פֿינטל דעם רויטן
אויף איר אַקסל אויסגעדריקט,
האָב איך זי געלעיגט אַ טויטע,
האָב איך אָפּגעטויט מאַין גליק.
אַך!

זע־נאָר, זע! האָט זיך צוגאָסן,
וואַיבערשע נעישאָמע דאַין!
פונקט אַצונד האָט ער באַשלאָסן
זיך פאר אונז מיסוואַדע זאַין.

שוואַיג! דערשאָסן איז דערשאָסן!
זאַי אַ מענש און האַלט זיך אַין!

ניִשט קעין צאַיט אַצונד צו קלאָגן
און צו צאַצקען־זאַך מיט זיך;
עפּעס שווערער איז צו טראָגן
אונזער אַלגעמעינעם פליכט!

און פּעטרוכאַ איז שוין מאַסקים.
ער פאַרלאַנגזאַמט זאַינע טריט
און דאָס קעפּל הויפּט ער האַסטיק
מיט אַ קלערערן געמיט!

עך, עך!
לאָז דיך וואויל־געין, שטעך און ברעך!

טיר און טויערן פאַרמאַכט!
מען וועט רויבן האַינט באַי נאַכט!

פון די קעלערן אַרויס!
וואויל און הויל האָט זיך צוברויזט!

אוי, דו מאַזל ביטערער,
אומעט האַרציקער,
שוואַרציִנקער!

שוין מאַין קויאַכל
ברעיט איך אָן, ברעיט איך אָן!

און מאַין מויאַכל
קראַץ איך אָן, קראַץ איך אָן!

און מאַין ניִסעלע
איך צוקנאַק, איך צוקנאַק!

מיִט מאַין מעסערל
איך צוהאַק! איך צוהאַק!

פליִ, בורזשוי אין עינעם ציִטערניִש!
כ׳וועל מיך נויקעים זאַין
פאַר דער ליִבסטער מאַין,
פאַר איִר טויט און פאַר מאַין ביִטערניִש!

און זאַי פאַר מיִר אַ גוטער בעטער...
. . . .
דער אומעט שטאַיגט.

מען הערט ניִשט מער פון שטאָט דעם ברויזן;
די הויך פון נעווער טורם שוואַיגט.
מען זעט קעין וועכטער ניִשט אין דרויסן;
נו, כעוורע! אַיער גוואורע צאַיגט!
. . . .

נאָר עין בורזשוי, די נאָז אין קאָלנער,
באַים קרעיץ פון גאַסן שטעיט אין שרעק;
דערבאַי, פון הוגגער אַ געשוואָלענער,
אַ קרעציק הונט באַהאַלט דעם עק.

אַלעין באַים קרעיץ פון גאַסן שטעיט ער
און שטום ער בליִקט און שטום ער פרעגט.
די אַלטע וועלט, ווי זאַין באַגלעיטער,
זי שטעיט, אראָפּגעלאָזט דעם עק.
. . . .

ס׳האָט צושפּילט זיך דאָס געוויטער
און עס דרעיט, און עס שיט,
ס׳קאָן באַרבלאָנזען אַ געניטער
באַי די ערשטע צוועי־דראַי טריט,

דרעיט דער שנעי אין ווילד געאַיל,
הויבט דער שנעי אַ ווייסן זאַיל.

. . . .

אוך, אַ שנעי, אַ זאַווירוכע!
זאָג נאָר, ברודער, זאָג, פּעטרוכע,
צוליב וואָס איז דיר באַשערט
בלאַיבן לעבן אויף דער ערד?

נישט באַוואוסטזיניקער מויאַכל,
דו באַטראַכט מיט קאָפּ און סעיכל:
האָסטו נישט געבראַכט דעם טויט
פאַר דער ליבע צו אַ מויד?

. . . .

שפּאַנט, אָ, שפּאַנט, רעוואָלוציאָנערן,
זאָל דער נאָנטער פאַינט דערהערן!

פּאָרויס, פּאָרויס, פּאָרויס!
דאַין האַס און קאַס לאָז אויס!

. . . .

און אַזוי באַצוועלפט אין כוישאַך געיט מען
גאָר אָן גאָטס באַראָט,
און צו אַלעם גרעיטע,
אָן פּאַרדרוס און שאָד.

אין די ביקסאַלאַך זעי צילן
אין דעם סוינע, וואָס זעי היט,

אין די געסאַלאַך די שטילע,
וואו דאָס בעיז געוויטער שיט,
אין די שנעי־גריבער די פילע,
וואו צו שטעלן איז קעין טריט...

. . . .

פלאַטערט ברעיט
אַ רויט געוואַנט

ווער דאָרט געיט,
ווער לאַנגזאַם שפּאַנט?

דער פאַינט איז גרעיט,
די שווערד אין האַנט...

אין דער שנעי פון בעיז געוויטער
אַלץ פאַרשיט ער
מיט געברויז.

פּאָרויס, פּאָרויס, פּאָרויס,
דיין האַס און קאַס לאָז אויס!

. . . .

געיען צוועלף די רויטע ריטער...
ווער איז נאָך דאָרט? געי אַרויס!
עס פאַרלויפט זעי דאָס געוויטער
מיט אַ רוטע פאָן פּאָרויס

ס'איז פון שנעי אַ באַרג געוואַקסן.
ווער באַהאַלטציך דאָרט אין שנעי?
נאָר דער אַלטער הונט דער אַקשן
לאַנגזאַם שלעפּט ער זיך נאָך זעי.

אַלטער הונט, נישט וואַג צו קריכן,
כ'שינד פון דיר דיין האַרטע פעל!
אַלטע וועלט, צום הונט געגליכן,
רוק זיך אָפּ! איך מאַך אַ טעל!

קנאַקט דער קעלעוו מיט די צעינער,
שטעיט נישט אָפּ, באַהאַלט דעם עק.
הונט דו עינער... הויט און בעינער...
ווער דאָרט געיט עס? ווער איך פרעג?

ווער פון וואַיטן מאַכט אונז צעיכן,
מיט דער רויטער פּאָן ער ווינקט?
ווער דאָרט שפּאַנט אין שנעי דעם בלעיכן,
שטאַיגט אַרויף און ווידער זינקט?

כאַוועך, שטעי נאָר! כאַוועך, הער נאָר!
מער אין שנעי זיך נישט באַהאַלט!
גיב זיך אונטער! זאַין וועט ערגער!
געי אַרויס! מיר שיסן באַלד!

טראַך–טאַך–טאַך! און נאָר דער עכאָ
גרעיכט פון באָדן ביז צום דאַך,
נאָר דער ווינט אין אימפּעט פרעכן
שיסט ער אויס אַ ווילד געלאַך.

טראַך–טאַך–טאַך!
טראַך–טאַך–טאַך!
. . . .

צוועלף מערטירער, צוועלף רעגירער,
שפּאַן און שפּאַן פון הונט געשפּירט.
און די פאָן איז זעיער פירער...
נישט צו זען אין שנעי־געקנויל,
נישט צו טרעפן דורך אַ קויל,
לאַיכט און מילדער פון געוויטער,
וואַיס פון זילבערנעם געשפּליטער,
אין אַ רויזן־קראַנץ געציירט,
האָט כריסטאָס די צוועלף געפירט.

פֿאַר לאַג
„סקיפּל"
לאַנגע 26-11 .5.

פּראַ'ז 5 מאַרק.